# סיגעל וויליאַם

[וועלוול־יצחק הערצאָג]



געבוירן 29 דעצעמבער 1893 אין נעמאָק־שטי, קאָוונער גוב., ליטע. פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר, אין אַ רוסי־שער פאָלקס-שול און צו 10 יאָר אַריין אין דער „בית־דוד“־ישיבה אין טאווא־רעק.

צו 12 יאָר געקומען אין קעניגסבערג (דייטשלאַנד), וואו ער באַזוכט אַ דייטשע שול און לערנט אויך שפּילן פידל. דאָ גע־זען צום ערשטן מאָל אַ דייטשע טעאַטער־פאָרשטעלונג („אַלט היידעלבערג“).

אין 1906 געקומען אין אַמעריקע צו זיין משפּחה אין באָסטאָן, וואו ער נעמט אָן זיין משפּחהס געענדערטן פאַמיליע־נאָמען פון „הערצאָג“ אויף „סיגעל“, באַזוכט אַ דאָרטיקע ענגלישע שול און אין פרייער צייט פאַרקויפט ער צייטונגען.

אין 1907 פאָרט ער קיין פילאַדעלפיע, וואו ער לערנט אין אַ צוגרייטונגס־שול און שפּילט ערשטע פידל אין אַ קינדער־אָרקעסטער, אָבער פילנדיק אין זיך דעם דראַנג צו טעאַטער, שליסט ער זיך אָן אין אַ דראַמאַטיק-קלוב, וואו ער שפּילט איין־אַקטערס צוזאַמען מיט דעם שפּעטערדיקן דיכטער א. ל. וואָלפסאָן. אין 1910 ווערט ס. אַנגאַזשירט אין דעם פּראָפעסיאָנעלן וואַריעטע־טעאַטער קריכ־טעל־פּאַלאַס (7־טע און מאָריס סטריט אין פילאַדעלפיע, דיר. — סידני הארט), וואו ער שרייבט און שפּילט איין־אַקטערס. 6 חדשים שפּעטער, ווען די טרופּע צעפאַלט זיך, גייט ער אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון האַנט־טאַשן, און ווערט אַ מיטגליד פון „ענטיקס דראַמאַטישן קלוב“ אין פילאַדעלפיע, וואו ער טרעט אַרויס אין דער פרייער צייט מיט דעקלאַמאַציעס און מאָנאָלאָגן. דער־נאָך געענדיקט אַ פאָרברייטונגס־שול און געצויגן פּרנסה פון געבן

לעציטיעס אויף וויאָלין-שפּילן, שפּעטער געוואָרן סופלער אין פּרינ-צעס וואַריעטע, וואו ער שפּילט אויך ראָלן און שרייבט סקעטשעס. סידני און בערטאַ האַרט, וועלכע פירט אָן מיט טאַליאַ-מוזיק-האָל אין ניו-יאָרק, אַנגאַזשירן אים צו זיך אַלס אַקטיאָר און סקעטשעס-שרייבער, אָבער נאָך אַ קורצער צייט קומט ס. צוריק מיט זיי אין פּרינצעס וואַריעטע אין פילאַדעלפיע, און פון דאָ פאָרט ער מיט זיי קיין קליוולאַנד, וואו ער שרייבט פאַר זיי סקעטשעס און אויך גאַנצע פּיעסעס.

אַזוי איז אין 1913 אין קליוולאַנדער יידישן טעאַטער (מיט סיד-ני און בערטאַ האַרט אין די הויפּט-ראָלן) אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס „4 פון דער אונטערוועלט" און אין זעלבן יאָר האָט דיזעל-בע טרופּע אויפגעפירט אין מאָנטרעאַל זיין צייט-פּיעסע „מענדל ביילים" און „די גאַלערע פון פאַרשוואונדענע מענער".

אין 1914 איז מיט מעי סיימאָן אין דער הויפּט-ראָל אויפגעפירט געוואָרן אין ניו-יאָרקער פלאַזאַ-טעאַטער ס.׳ס פּיעסע „שוועסטער און ברידער", דיזעלבע פּיעסע איז דעם 3 אַפּריל 1917 אויפגע-פירט געוואָרן דורך מאַקס ראָזענטאַל אין בעסי טאָמאַשעווסקיס פּיפּל-טעאַטער א׳נ „די אייביקע זינד, לעבנס-בילד אין 4 אַקטן" און דעם 24 נאָוועמבער 1922, א׳ר פון ל. קרעמער אין האָפּקינ-סאָן-טעאַטער, א׳נ „וואו זיינען מיינע עלטערן?".

פון קליוולאַנד פאָרט ס. צוריק קיין פילאַדעלפיע אין וואָדעוויל אין פּרינצעס טעאַטער. דאָ ווערט ער דורך מייק טאָמאַשעווסקי אַנגאַזשירט אין אַרטש-סטריט-טעאַטער, וואו ער דעביוטירט אין דער ראָל פון אַן ענגלישן „סאָלפּידזשען" [פּאָליציי-אַגענט] אין גאָסטווירטס יידישער איבערזעצונג פון דער ענגלישער פּיעסע „וויטהין טהי לאָו". און שרייבט ליריקס צו אַ פּיעסע פון דר. האָרנ-שטיין. פון דאָ פאָרט ער קיין ניו-יאָרק אין אַטלאַסעס מעטראָפּאָלי-טאַן-וואָדעוויל-טעאַטער. דערנאָך שפּילט ער מיט פעני ריינהאַרדט אין באָסטאָן און ווערט דערויף אַנגאַזשירט אַלס אַקטיאָר און פּיע-סעס-שרייבער פאַרן האַרלעמער לענאָקס טעאַטער אין ניו-יאָרק (דירעקציע — נייטאַן גאָלדבערג און דזשייקאָב דזשייקאָבס), וואו עס ווערט אויפגעפירט זיין פּיעסע „דאַרף אַ מיידל דערציילן?", וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן א׳נ „וואו זיינען מיינע קינ-דער?" און איז מיט יאָרן שפּעטער געבראַכט געוואָרן, אָן וויסן פון מחבר, קיין אייראָפּע, געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אויף די דאָרטיקע יידישע בינעס, און איז אויך אָן וויסן פון מחבר דאָרט אַנאָנים פאַרעפנטלעכט געוואָרן [וואו זענען מיינע קינדער?!!, מעלאָדראַ-מע אין 4 אַקטן, רעדאַגירט פון ראובן מאַנדעלבוים (מאַרסאַלאָוו), פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1926], „קעגן געבורט", (צוזאַמען מיט נ. ראַקאָוו), „די ווייסע שקלאַפן פון ניו-יאָרק", וואָס איז דעם 2 פעברואַר 1917 אויפגעפירט געוואָרן אין ליריק-טעאַטער א׳נ „אַ לעבן פאַר אַ לעבן" (צוזאַמען מיט נ. ראַקאָוו), „רייכע אָרעמע לייט", „אַ מיידלס האָפנונג", וואָס איז דעם 11 אָקטאָבער 1918 אויפגעפירט געוואָרן דורך איזידאָר ליליען אין ליריק-טעאַטער א׳נ „די מאַכט פון אָרעמקייט", און „די פאַרקויפטע כלה", וואָס איז שפּעטער געשפּילט געוואָרן דורך לעאָן בלאַנק א׳נ „דער שכור".

בעת דער אויפפירונג פון דער לעצטער פּיעסע, פאַלט ס. אויף דער בינע, פאַרגיפטעט זיך אַ פוס, און מוז צוליב דעם אַוועק אויף אַ צייט אין שפּיטאָל.

דעם 31 דעצעמבער 1917 ווערט אין קעסלערס טעאַטער אויפ-געפירט דורך דוד קעסלער (אין דער ראָל „סיימאָן ראָזמאַן") ס.׳ס „דער מאַסקירטער, אַמעריקאַנער לעבנס-בילד אין 4 אַקטן", וואָס ווערט דעם 14 דעצעמבער 1917 אויפגעפירט דורך ז. ווײנטרויב אין ליבערטי-טעאַטער א׳נ „ליבע און ראַכע" און דעם 19 מערץ 1926 דורך יאָזעף שיינגאָלד אין ליריק-טעאַטער א׳נ „ווייבער און געליבטע".

אין זעלבן יאָר (1917) ווערט אויך אין לענאָקס-טעאַטער אויפגע-פירט ס.׳ס „פאַרהייראַטע שקלאַפן", און דעם 30 אויגוסט 1918 דורך נייטאַן גאָלדבערג „ביזנעס און פלעזשור", וואָס ווערט דעם 12 נאָוועמבער 1920 געשפּילט אין ליריק-טעאַטער א׳נ „פאַרלאַנגט אַ ווייב".

דעם 7 דעצעמבער 1918 ווערט אויפגעפירט דורך א. ליליען אין ליריק-טעאַטער ס.׳ס „שלום, סענסאַציאָנעלע צייט-דראַמע אין 4 אַקטן", וועלכע ווערט גלייכצייטיק אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלד-בערג אין לענאָקס-טעאַטער.

דעם 3 יאַנואַר 1919 ווערט אין פּיפּלס-טעאַטער א׳ר פון דוד קעסלער אויפגעפירט „די פרגי אין איר היים, אין 4 אַקטן, פון לואיס באַרקין און וויליאַם סיגעל, מוזיק — הערמאַן וואָהל".

אין אַפּריל 1919 ווערט אין ליבערטי-טעאַטער אויפגעפירט דורך סעמ. ראָזענשטיין ס.׳ס „די קראַפט פון געוויסן, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן", וואָס ווערט דעם 29 אויגוסט 1919 אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג אין לענאָקס-טעאַטער.

דעם 8 אָקטאָבער 1919 ווערט אין פּיפּלס-טעאַטער אויפגעפירט „צעריסענע נשמות, מעלאָדראַמע אין 4 אַקטן פון קאַלמאַנאָוויטש און סיגעל, מוזיק — פרידזעל".

דעם 5 נאָוועמבער 1920, אין לענאָקס-טעאַטער, אויפגעפירט דורך נייטאַן גאָלדבערג — ס.׳ס מעלאָדראַמע „דאָס חופּה-קלייד", וואָס ווערט גלייכצייטיק געשפּילט דורך יאָזעף קעסלער אין שי-קאַגאָ, און דעם 4 מערץ 1921, אין אַ געענדערטער פאָרם (מיט מוזיק פון יאָזעף רומשינסקי), אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער.

די פּיעסע ווערט אויך שפּעטער, דורך אַן אומלעגאַלן אופן, געבראַכט אויף דער יידישער בינע אין אייראָפּע, וואו זי ווערט געשפּילט מיט אַ גרויסן דערפאָלג, און ווערט אויך דאָרט, אָן וויסן פון מחבר, פאַרעפנטלעכט [וויליאַם סיגעל. דאָס חופּה קלייד, מע-לאָדראַמע אין 3 אַקטען, פערלאַג ש. גאָלדפאַרב, וואַרשא, 1926].

צוליב זיין קראַנקהייט מוז ס. זיך צוריקציען פון שפּילן אויף דער בינע און גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט שרייבן פּיעסעס.

דעצעמבער 1920 ווערט (מיט ראָזעטאַ קאָן אין דער טיטל-ראָל) אויפגעפירט אין קאַנאַדע ס.׳ס פּיעסע „די גרינע כלה", וואָס ווערט דעם 14 יאַנואַר 1921 געשפּילט אין ברוקלינער ליבערטי-טעאַטער. די זעלבע פּיעסע, אין אַביסל געענדערטער פאָרם, ווערט דעם 21 פעברואַר 1928 אויפגעפירט אין זעלבן ליבערטי-טעאַטער דורך מנשה סקולניק א׳נ „דער גרויסער פאַרדינער" און ווערט זינט דאַמאָלט געשפּילט דורך אים אויך א׳נ „פישל דער גענ-טענער".

דעם 2 פעברואַר 1921 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן דורך נייטאַן גאָלדבערג ס.׳ס „שמענדריק אויף בראָדוויי", וואָס איז דעם 12 אָקטאָבער 1921 אויפגעפירט געוואָרן דורך סע-מועל ראָזענשטיין אין קעסלערס סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער א׳נ „העלאָו שמענדריק, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 3 אַקטן פון וויליאַם סיגעל, מוזיק — יאָזעף רומשינסקי", און אין דער זעלבער צייט, דורך יעקב מעסטעל, אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער.

דעם 16 סעפּטעמבער 1921 איז אין לענאָקס-טעאַטער אויפגע-